### זֶה הַדֶּרֶךְ לְכוּ בוֹ

# דעם רבי'נס דרך

### קלארקייט און ריכטיגע הבנה
### אין די ארגינעלע יסודות התורה וחסידות פון

# רביה"ק מסאטמאר זי"ע

## איבערגעגעבן דורך


## הרה"ג רבי ישראל בער שטיין שליט"א

דומ"ץ ביהמ"ד אמרי נועם קרית יואל


**'מוצאי שבת התוועדות' פאר חסידי סאטמאר לאנדאן,**

**פר' בא שנת תשפ"ה לפ"ק**


יצא לאור לרגל יומדה"ל של רביה"ק זי"ע כ"ו אב שנת תשפ"ה לפ"ק

**הרבה דרכים למקום...**

**וואס איז א 'דרך'...**

**קארלין און חב"ד - צוויי ערשטע דרכי חסידות...**

**רבי ר' אלימלך'ס דרך: "כלליות'דיגע אידישקייט"...**

**דער רבי פון לובלין...**

**ראפשיצער רב...**

**צאנזער רב...**

**דעם רבינ'ס דרך...**

**די רבי' האט נישט, "נישט געלאזט"...**

**נישט מאכן אן עסק פון "קפידות" און מנהגים...**

**פון תשל"ט ביז תשפ"ה, רעזולטאטן פונעם "רבי'נס דרך..."**

**אהבת ישראל...**

**נישט קיין חילוק וועלכער ספר...**

**"צאנז מיט חתם סופר", אבער רוב איז צאנז...**

**די טיפקייט פונעם רבי'נס מהלך...**

**דעם רבי'נס מהלך אין זאגן תורה...**

**מגידים ומשפיעים, האסור והמותר...**

**די געוואלדיגע עשירות פונעם רבי'נס דרך...**

**די מעלה פון ערליכע בעלי בתים, כ"ש בני תורה...**

הערט דעם גאנצן שיעור אויף קול יושבי אוהל

605-477-4444 #2-2-8-3-3

ארויסגעגעבן דורך מכון אהלי קדושים 845-600-0242

Ohlykdosim@gmail.com

עס איז זיך צאמגעקומען דא א ציבור אידן וואס גייען צוזאמען אינעם דרך וואס דער רבי זי"ע האט אונז געלערנט, מען וויל אנהאלטן דעם דרך און נישט משנה זיין.

מען הערט אלעמאל אז עס איז דא 'דעם רבי'נס דרך', און מען וויל נישט משנה זיין דעם רבי'נס דרך, מען דארף נאר וויסן, **וואס איז דאס דער דרך** וואס דער רבי האט אונז געלערנט. **פון וואו קומט דער דרך. וואס זענען די יסודות פונעם דרך.** און בעיקר, וואס איז עס נוגע פאר אונז היינט תשפ"ה, דעם רבי'נס דרך כהיום וואו איז דאס נוגע טאג טעגליך.

באמת, "דעם רבי'נס דרך" איז זייער א שיינע, און א ברייטע טיפע סוגיא, עס איז נישט שייך צו געבן דערפאר איין שמועס, מיר וועלן פרובירן צו אדורך גיין די יסוד פונעם דרך און ווי עס שטאמט די דרך, עס איז אזא רייכע און שיינע זאך, מען קען אזויפיל לערנען פון דעם, און עס איז מורא'דיג נוגע, עס איז דאך אונזער דרך, און עס איז ממש א שאד אז מען הערט ווייניג דערפון און מען רעדט ווייניג דערפון.

<u>**הרבה דרכים למקום**</u>

עס איז דא אסאך דרכים אין עבודת ה', און אזוי האט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט די בריאה, עס איז א לכתחילה אז נישט אלע אידן דינען דעם אויבערשטן אויף די זעלבן וועג, נאר עס איז דא אסאך דרכים, אדרבה, די שיינקייט און רייכקייט פון א מלוכה איז אז עס איז דא אסאך סארט וועגן ווי אזוי מ'דינט אים. ביי א קליינע מלוכה איז נאר דא איין סארט, אבער ביי א גרויסע מלוכה איז דא אסאך סארט, און דאס איז די גרויסקייט פונעם אויבערשטן אז מען קען אים דינען אויף אלע מיני אופנים.

און דאס אז יעדער האט זיך זיין מהלך אין עבודת השם, גייט שוין אן זייט די וועלט שטייט, ביי קין און הבל שטייט פון צדיקים, עס איז געווען צוויי דרכים אין עבודת ה', שפעטער די אבות הק', אברהם יצחק ויעקב, שטייט אין אלע ספרים אברהם מדת החסד, יצחק מדת הגבורה, יעקב מדת תפארת, אלעס איז דרכים בעבודת ה'.

און בעיקר די י"ב שבטים שטייט פון אריה"ק, אז דאס זענען צוועלף שערים, צוועלף דרכים בעבודת ה', די מחלוקת יוסף מיט די ברידער איז געווען א מחלוקת אין 'דרכי העבודה', און שפעטער ווען זיי האבן זיך געטראפן אין מצרים האט זיי יוסף געזאגט אל תרגזו "בדרך", פארשטייט זיך אז יעדער בלייבט מיט זיין דרך, אבער מ'זאל זיך נישט קריגן איבער'ן דרך וואס מ'דינט דעם אויבערשטן, יעדער שבט האט זיך זיין דרך און זיין מהלך.

אין די לעצטע פאר הונדערט יאר איז כלל ישראל צעטיילט אין "פיר דרכים". א) די "**ספרד'ישע**" אידן, ב), די "**אשכנז'ישע**" אידן, ג) די "**ליטווישע**" אידן, ד) און די "**חסידים**". עס איז דא נאך, אבער באופן כללי איז דאס פיר.

יעדע פון די פיר דרכים האט אסאך פרטים און חלקים. אסאך מיני ספרדים, אסאך מיני ליטאים, בריסקער און חזון איש'ס, ישיבה'ישע וכו', ביי יעדן חדר איז דא אסאך, ביי חסידים איז דא גאר אסאך, עס איז דא "**רוסישע חסידים**", די "**פוילישע חסידים**", די "**גאליציאנער חסידים**", און אונז די "**אונגארישע חסידים**", וואס פון דארט שטאמען אונז.

<u>**וואס איז א 'דרך'**</u>

מען רעדט אז עס איז דא אסאך דרכים, דארף מען קודם אויסשמועסן, וואס איז דאס בכלל א "דרך". וואס מיינט יעדער האט א דרך אין עבודת השם.

עס איז דא די תורה די תרי"ג מצוות, און עס איז דא דער שו"ע, **וואס יעדער איד דארף האלטן אלע מצוות התורה און אלע דרבנן'ס, יעדע הלכה אין שו"ע, לעבן מיט די חובת הלבבות, דאס איז מחייב יעדן איד**, אפגעזען פון וואו מ'שטאמט און וואו מען איז אויפגעוואקסן.

נאר וואס הייסט א 'דרך', באופן כללי הייסט א דרך, אז יעדער מקום און יעדער קרייז, נעמט איין נקודה, א יסודות'דיגע ענין, און מ'לייגט א שטארקע דגוש אויף דעם. **מ'נעמט א פרטיות'דיגע זאך און מ'מאכט דערפון אן 'עיקר'**, און מען רעדט אסאך פון דעם, מ'לייגט אריין דאס גאנצע פייער און ברען וואס איז דא אין א איד, אין 'דעם' זאך, דער עומק פון די מהלך איז, אז דורך דעם וואס 'דער' יסודות'דיגע זאך וועט זיין שטארק, וועט דאס אויפהייבן די גאנצע אידישקייט.

לדוגמא, אין אסאך פלעצער האט מען גענומען '**שבת**', אלעס דרייט זיך ארום שבת.. מען האט געהאלטן אין די פלעצער, אז טאמער וועט מען נעמען דעם שבת קודש, און מען וועט שטארק אריינארבעטן אין דעם, וועט עס אויטאמאטיש משפיע זיין אויף די גאנצן עבודת ה', ממילא האט מען בוחר געווען איין ענין, און ארייגעלייגט דעם גאנצן ברען אין דעם, און דאס הייבט אויף דאס גאנצע אידישקייט, ביי פארשידענע פלעצער האט מען גענומען א געוויסע יום טוב.

און ביי אנדערע פלעצער האט מען גענומען א געוויסע מצוה, למשל '**לימוד התורה**'. און ביי געוויסע מקומות דרייט זיך אלעס ארום 'תפלה', אדער איז דא מקומות וואס דער גאנצער דגוש איז אויף '**דקדוקי הלכות**', צו מקפיד זיין אויף יעדער פרט, און פרובירן יוצא זיין ווי מער שיטות ביי יעדע זאך.

און אנדערע פלעצער איז געווען בעיקר '**מידות**' בין אדם לחבירו. און עס איז געווען פלעצער, וואס מען האט געמאכט א עיקר פון '**קדושה**', יראת שמים, שמירת המחשבה. עס איז געווען מקומות ווי די עיקר דגוש איז געווען אויף '**פנימיות**' התבוננות אין טיפע ענינים, מיט לאנגע דאווענענ'ס, אנדערע האבן געהאלטן אז די עיקר איז '**מצוה מעשיות**', עכ"פ אזוי איז געווען אסאך דרכים, פארשטייט זיך אז איבעראל האט מען געזאגט אז מען דארף האלטן די גאנצע תורה, אבער מען האט גענומען איין ענין, און געזאגט לייג אריין דיין גאנצן כח אין דעם, און דאס וועט האבן א השפעה אויף אלע אנדערע זאכן,און אויפהייבן די גאנצע אידישקייט.

**<u>קארלין און חב"ד - צוויי ערשטע דרכי חסידות</u>**

יעצט לאמיר צוקומען צו לערנען דעם רבינ'ס דרך, קודם דארף מען וויסן אז **באופן כללי האט דער רבי געזאגט אז זיין דרך קומט פון "צאנז" און "חתם סופר"**.

דער צאנזער רב איז געווען כולו ראפשיץ, דער ראפשיצער רב האט מקבל געווען פונעם רבי'ן פון לובלין, און דער רבי פון לובלין האט מקבל געווען פון רבי ר' אלימלך, זי"ע, קומט אויס אז דער מקור פון אונזער דרך, דאס הייסט "דעם רבי"נס דרך", איז **בעצם דער רבי ר' אלימלך. דער מחדש און מייסד פון דעם דרך.**

אלס הקדמה צו פארשטיין פון ווי איז נשתלשל געווארן דעם רבינ'ס דרך לאמיר צוריקגיין צום אנפאנג פון חסידות

מיר זענען 'חסיד"ישע אידן', וואס הייסט חסיד"ישע אידן, אונז שטאמען פון חסידים, אונזערע זיידעס זענען געפארן צו חסיד"ישע רבי'ס, אונזער לבוש איז א חסיד"ישער, אונזערע מנהגים זענען חסיד"ישע, אונז לערן מיר חסיד"ישע ספרים, און וועגן דעם זענען מיר 'חסיד"ישע אידן', אונז זעמיר פונעם חדר פונעם בעל שם טוב.

דער בעל שם טוב האט מייסד געווען 'חסידות' בערך פאר 300 יאר צוריק אנפאנג פון די ת"ק יארן, ער האט געהאט זיין חדר, נישט אויף א גרויסן פארנעם, שפעטער איז געווען דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, דער מגיד האט שוין געהאט אסאך תלמידים שרפי מעלה, דעמאלט האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן חסידות פאר'ן גאנצן המון עם, אין רוסלאנד, אין ווייס-רוסלאנד בעיקר, אין ליטע, העכער ארויף צו בעלארוס.

גלייך נאכן מגיד פון מעזריטש, איז בעיקר געווען צוויי גרויסע חסידות'ן תלמידי המגיד, איינס איז געווען דער בעל התניא דער דרך פון חב"ד, ער האט געהאט טויזנטער און אפילו צענדליגער טויזנטער חסידים וואס זענען געגאנגען מיט דעם מהלך, מער א טיפערער מהלך, מוחין און התבוננות, אז דער עיקר איז פנימיות.

די צווייטע גרויסע חסידות איז געווען רבי אהרן הגדול דער דרך פון 'קארלין', גאר א גרויסע חסידות מיט צענדליגער טויזנטער תלמידים וחסידים פארשפרייט אינעם גאנצן געגנט, דעמאלט האט עס געהייסן ליטע, ער האט געוואוינט אין קארלין וואס איז נעבן פינסק, היינט אין בעלארוס, און פון דארט האט זיך עס פארשפרייט אינעם גאנצן געגנט, דאס איז געווען ממש פארקערט פונעם בעל התניא'ס מהלך, דאווענען מיט קולות, התלהבות און מיט א ברען, מער מיט א חיצוניות, און דער מהלך איז אז דאס חיצוניות וועט פועל זיין אויף די פנימיות.

דאס זענען געווען צוויי עיקר דרכים אין רוסלאנד-אוקראינע יענע צייטן. עס איז געווען נאך, קלענערע חסידות'ן, וואס זייער השפעה איז נישט געגאנגען אזוי ווייט. עס איז געווען די צוויי צדיקים, רבי אברהם קאליסקער און רבי מענדעלע וויטעבסקער וואס זענען ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, דער בארדיטשוב'ער רב און דער מאור עינים האבן אנגעהויבן דעמאלט, עס איז געווען די אייניקלעך פונעם בעל שם, דער דגל מיט רבי ברוכ'ל, אבער עס איז אלעס געווען אויף א קלענעם פארנעם.

אין יענע תקופה ווען מען האט געטראפן א חסיד'ישן איד האט מען געדארפט מברר זיין, ביזט פון חב"ד אדער פון קארלין, דאס זענען געווען צוויי דרכים וואס האבן זיך נישט פארשטאנען מילדערהייט געזאגט, און עס איז געווען א קיצוני'דיגער חילוק צווישן די צוויי, עס איז נישט געווען אזא מושג אז א רבי אדער א חסיד זאל פארן איין שבת דא און איין שבת דארט, אדער אז מען זאל גיין אביסל אין חב"ד און אביסל אין קארלין, עס איז געווען א סתירה ממש, אדער ביזטו אין דעם דרך, אדער אין דעם דרך.

## <u>רבי ר' אלימלך'ס דרך: "כלליות'דיגע אידישקייט"</u>

דאס האט אנגעהאלטן ביז'ן רבי ר' אלימלך פון די גרעסטע תלמידים פונעם מגיד. מען ווייסט דאך, ס'שטייט אין 'מאור ושמש', 'עד שבאו שני מאורות הגדולים' דער הייליגע בעש"ט און דער ר"ר אלימלך, **דער הייליגע רבי ר' אלימלך האט 'איבערגעפלאנצט' חסידות אין פוילן.** דאס הייסט, בעפאר דער רבי ר' אלימלך איז נישט געווען קיין תלמידי בעל שם אין פוילן, ער איז שוין געווען בימיו פונעם מגיד דארטן, און ער האט געמאכט א 'נייעם דרך' איינגאנצן, אוודאי איז אלעס געבויט אויף די דרך החסידות פונעם בעל שם טוב, אבער **רבי ר' אלימלך האט אנגעהויבן א נייע זאך, אז עס איז דא אזא זאך ווי 'כלליות'דיגע אידישקייט', נאך 'בעפאר' א דרך. עס איז טאקע דא אזא זאך ווי א דרך אין עבודת השם, אבער בעפאר דעם איז דא א זאך וואס הייסט כלליות'דיגע אידישקייט.**

כלליות'דיגע תורה, כלליות'דיגע מצוות, דאס פייער און ברען וואס יעדער איד האט נאטורליך, וואס אין אנדערע פלעצער האט מען דאס ארייגעלייגט אין א פרטיות'דיגע זאך, האט רבי ר' אלימלך ארייגעברענגט דעם דרך אז דער ברען וואס א איד האט, דארף מען ארייגלייגן אין כלליות'דיגע תורה, כלליות'דיגע אידישקייט.

צדיקים האבן געזאגט אז דער רבי ר' אלימלך איז געקומען אויסלערנען "צו זיין 'סאלדאטן' פאר'ן אויבערשטן", דאס הייסט אז אזוי ווי א סאלדאט האט נישט קיין דרך אין די מלחמה, ער טוט נאר וואס מען הייסט אים, אזוי אויך איז אין עבודת השם אונזער עיקר תפקיד איז צו טון דעם רצון השם, עס איז נישט אזוי ווייט דער עסק צי מיט דעם דרך אדער אן אנדערע.

די גרעסטע ראי' איז, דער רבי ר' אלימלך האט געהאט אסאך תלמידים, אבער בעיקר איז געווען די פיר גרויסע תלמידים, ונהר יוצא מעדן וכו' והיה לארבעה ראשים. דער רבי ר' מענדעלע, דער רבי פון לובלין, דער קאזשניצער מגיד, דער אפטא רב.

אונז האמיר נישט קיין השגה אין די פיר צדיקים, אבער עס איז ידוע אז יעדער פון די פיר צדיקים איז געווען כרחוק מזרח ממערב, און ווי מען זעהט אין זייערע ספרים דער רבי פון לובלין איז געווען כולו שמחה, רבי ר' מענדעלע איז

געווען כולו יראה, א.א.וו. יעדער מיט גאנץ אן אנדערן מהלך, און מיט דעם אלעם זענען זיי אלע געווען פון "איין חדר", תלמידים פון רבי ר' אלימלך.

און נישט נאר דאס, ס'זענען געווען צדיקים, ווי למשל דער ראפשיצער רב, וואס זענען געפארן צו אלע פיר, שפעטער דער בני יששכר, דער עטרת צבי, זענען געפארן צו אלע פיר תלמידי רבי ר' אלימלך.

איי עס איז אנדערע דרכים? עס איז ריכטיג, אבער פון דער רבי ר' אלימלך און ווייטער האט זיך אנגעהויבן אז עס איז נישט קיין סתירה, פארוואס? און דאס איז די עיקר נקודה, **ווייל מ'פארט נישט צום רבי'ן מקבל זיין א 'דרך' אין עבודת ה', נאר צו מקבל זיין א 'כלליות'דיגע ברען' צו אידישקייט; 'גאנץ' תורה, 'גאנץ' מצוות. גאנץ אידישקייט, וועלכער דרך? יעדער קען זיך גיין מיט זיין דרך אין עבודת השם**, אבער די זאך וואס מען איז מקבל פונעם רבי'ן איז נישט דער דרך אין עבודת ה', נאר כלליות'דיגע אידישקייט. מען זעהט עס אינעם בריוו פון רבי אלעזר.

עס איז דא דעם באקאנטן נועם אלימלך פרשת נח, אז דער עיקר מצוה בדור הזה איז "ציצית". איז לויט אונזער שכל פארשטייט מען, אז אויב דער רבי זאגט ציצית, דארפן אלע תלמידים זיך נעמען טון מיט ציצית, זאגן תורה אויף ציצית, ס'זאל זיך טון א מצב פון ציצית. אבער למעשה איז נישט דא 'קיין איינער' פון די תלמידים וואס רעדט ספעציעל פון ציצית, אדער א מעשה וועגן ציצית, ווייל מען האט געוואוסט אז עס האט נישט קיין שייכות, דער רבי ר' אלימלך האט זיין ענין פון ציצית, און די תלמידים גייען ווייטער יעדער מיט זייערע ענינים אין עבודת השם, **א תלמיד פון א רבי נעמט נישט איבער קיין שום פרטיות'דיגע זאך, נאר כלליות'דיגע תורה.**

__דער רבי פון לובלין__

פון דעם רבי ר' אלימלך גייט עס צום רבי'ן פון לובלין. **ביים רבי'ן פון לובלין זעט מען נאך אסאך שטארקער די זאך.** ער האט געהאט א גאנצע חדר מיט תלמידים, אן א שיעור פון צדיקים, אבער מען געבט א קוק די רשימה ווער עס האט זיך געדרייט דארט, עס איז ממש פלאי פלאות כרחוק מזרח ממערב.

פון איין זייט די פוילישע רבי'ס, פשיסחא, דער יוד הק' מיט רבי בונם, וואס יעדער ווייסט עס איז געווען גאר א שארפער דרך. פון די אנדערע זייט די אלע גאליציאנער צדיקים, דער ראפשיצער רב, דער עטרת צבי, שפעטער איז געווען דער ערשטער בעלזער רב, דער בני יששכר, עס איז אנדערע וועלטן אינגאנצן, און אלעס איז געווען אינעם זעלבן חדר פונעם רבי'ן פון לובלין.

און עס איז נישט געווען קיין סתירה, ווייל אלעס איז געווען א המשך פון רבי ר' אלימלך, **אז דער נקודת החסידות וואס מען איז מקבל פונעם רבי'ן איז דער כלליות'דיגע ברען צו אידישקייט, און פון דארט און ווייטער האט זיך יעדער זיין דרך פרטי לפי שורש נשמתו.**

__ראפשיצער רב__

דערנאך איז געווען דער ראפשיצער רב, דער רבי האט נאכגעזאגט פון זיין שווער דער פלאנטשער רב א לשון, אז 'ראפשיץ איז געווען אינגאנצן לובלין', וואס מען קען זאגן אז **בעיקר פאנגט זיך אן דעם רבי'נס דרך ביים ראפשיצער רב, ווייל דער הייליגער ראפשיצער רב האט 'מברר' געווען דעם דרך מיט א קלארקייט, ער איז געווען דער ערשטער וואס איז ארויסגעקומען בגלוי און געזאגט אז "חסידות האט א פראבלעם"**, ס'ווערט געברענגט אין חמדה גנוזה באריכות, ער האט געזאגט פאר'ן עטרת צבי אז חסידות ווערט נשתנה און פארדרייט, "מען גייט אריין אין פרטים און מען פארגעסט דעם עיקר". און ער האט מורא אז בהמשך הדורות וועט ווערן נאך מער פארדרייט, און גאנץ אידישקייט וועט נאך חרוב ווערן.

ראפשיצער רב האט געוואלט פארמאכן די גאנצע זאך! געענדיגט מיט "חסידות", אנהייבן צוריק מיט מגידים, צוריקגיין צו פאר'ן בעל שם טוב, **למעשה האט דער ראפשיצער רב דעמאלט אוועקגעשטעלט אז חסידות דארף זיין געבויט אויף תורה גאר שטארק**, פון דעמאלט האט זיך אנגעהויבן אז יעדער רבי וואס פירט זיך באדמורו"ת דארף זיין א "רב", עס האט זיך אנגעהויבן מיט'ן "ראפשיצער רב", "צאנזער רב", די ראפשיצער קינדער זענען געווען רבנים אין שטעט און עוסק געווען ברבנות, אלע צאנזער קינדער זענען געווען רבנים, א.א.וו.

און אגב עס איז וויכטיג צו וויסן די נקודה, דער רבי בכלל האט געהאט זייער א שטארקע שייכות מיט ראפשיץ. מען קען אסאך מאריך זיין אין דעם, אבער מען וויל נישט פארקריכן מיט זייטיגע זאכן, מען וויל אנקומען צום רבי'נס דרך. דער רבי איז געווען זייער מקושר אין ראפשיץ, און גענומען גאר אסאך שניטן פון ראפשיצער רב און דער גאנצער מהלך פון ראפשיץ.

איינע פון די זאכן וואס איז נוגע יעצט, אונז ווייס מיר אז ווען דער ראפשיצער רב איז אוועק, האט רבי מאיר'ל אפטער און אנדערע צדיקים געזאגט, אז עס וועט נאך זיין אנדערע צדיקים אויף דער וועלט וואס וועלן פועל'ן ישועות, אבער "אזא גוטע הארץ פריינט פאר די שכינה, דאס וועט שוין נישט זיין". א ענליכע לשון איז דא "א פריינט פאר ציון וירושלים וועט שוין נישט זיין".

ראפשיצער רב, האט געהאט א מורא'דיגע ברען פאר קדושת ישראל, א מורא'דיגע ברען פאר א איד, פאר נשמת ישראל, פאר קדושת ירושלים, פאר ארץ ישראל, און א מורא'דיגע ברען פאר אידישקייט.

און וועגן דעם האט דער ראפשיצער רב נישט געקענט סובל זיין ווער עס האט פארדרייט אביסל אידישקייט, אז ער האט נאר געשפירט אביסל פארדרייטקייט, איז ביי אים געווען געפערליך, אז איינער וואס האט גע'דמיונ'ט ער איז געגאנגען אין א מדריגה העכער וואס ער איז באמת, אדער גערעדט זאכן וואס איז נישט פשטות התורה, האט מען אים ארויסגעטראגן פון שטאט און מגנה געווען, ער איז א נער.

**דער רבי האט אמאל געזאגט אז אן דעם ראפשיצער רב וואלט מען זיך נישט געקענט האלטן. אין א שמועס האט ער אמאל געזאגט אז דער ראפשיצער רב איז געווען א "שומר אויף די דרך החסידות", אז ס'זאל נישט פארדרייט ווערן.**

דער ראפשיצער רב האט געוואוסט אז חסידות איז גאר א הייליגע זאך, ער האט מורא געהאט אז ס'ווערט פארדרייט, האט ער עס קודם געוואלט פארמאכן, ביז ער האט עס אויסגעארבעט אויף אן אופן "אז ס'מוז זיין געבויט אויף תורה", אינגאנצן אויסגעהאלטן, און נאר אזוי קען מען אנגיין מיט'ן דרך החסידות.

און דאס איז געווען די עיקר סיבה פארוואס מען האט נישט געוואלט מאכן אן עסק פונעם פרטיות'דיגן דרך, ווייל דאס איז גורם אז אידישקייט זאל ווערן אינגאנצן פארדרייט, נאר מען האט אלעמאל נאר געקאכט אין כלליות פון די תורה און אידישקייט.

## צאנזער רב

נאכדעם איז געקומען "צאנז". דער צאנזער רב איז געווען א תלמיד פונעם ראפשיצער רב, כל כולו ראפשיץ, אזוי ווי דער גאנצער דרך פונעם צאנזער רב איז אלעמאל געווען מיט א מורא'דיגע אפנקייט, בפועל ממש אין עולם העשי'. אזוי אויך ביי דעם ענין, איז פון די גרויסע מלחמות וואס איז געווען אין כלל ישראל, איז ווען דער צאנזער רב איז ארויס מיט א מלחמה כבידה אין דעם נושא, ער האט מורא געהאט אז מ'נעמט א געוויסער פרט אין אידישקייט און מען שטעלט דאס פאר א עיקר דעמאלט איז עס געווען דער ענין פון 'צדיק', וואס די מערסטע פארדרייטקייט במשך הדורות איז געווען ארום דער ענין פון צדיק, עס איז דא זייער א ברייטע סוגיא אין אידישקייט ארום דעם ענין וואס מיינט א צדיק, און די צוגאנג צו דעם אין עבודת השם, האט דער צאנזער רב זייער מורא געהאט צוויי זאכן.

איינס. טאמער מען וועט נעמען איין פרט, און זאגן אז דאס איז די 'גאנצע אידישקייט', וואס וועט געשען איז, ווי מען רעדט ביז יעצט, אז וויבאלד יעדער איד האט דעם נקודה אין זיך, אז מען געבט זיך איבער, מען איז געטריי פארן אייבירשט'ן און פאר די תורה, מען איז זיך מוסר נפש פאר תורה, **איז אויב נעמט מען די גאנצע איבערגעגעבנקייט פון א איד, און מ'לייגט עס אריין אין 'איין' זאך** [דעמאלט איז עס געווען דער פרט פון צדיק, אבער אפילו אנדערע זאכן ווי שבת, תורה, עבודה, מידות, פנימיות, אד"ג], **פארלירט מען די נאטורליכע ברען צו די 'גאנצע תורה'.**

צוויי. **אז מען וועט ארייגקאכן אין איין זאך צו שטארק, דעמאלט'ס איז דער טבע הדברים, עס פאנגט זיך אן א ריבוי דיבורים ארום די זאך, מען רעדט און מען מאכט מעשיות, עס וואקסט און עס וואקסט, און עס ווערט דורך דעם אינגאנצן פארדרייט.**

אזוי קען מען זען בהשתלשלות הדורות אן א שיעור זאכן וואס איז אינגאנצן פארדרייט, דאס קומט ווייל מען האט געמאכט א גרויסן מצב פון איין זאך, ס'ווערט אזא מין ריבוי הדברים ארום דעם, אז עס איז געווארן אינגאנצן פארדרייט.

האט דער צאנזער רב געזאגט, אויף גאר א שטארקע פארנעם נישט דא מער קיין שום פרטיות'דיגע זאך, אלעס איז כלליות התורה, יעדע זאך וואס האט שייכות מיט תורה האט א שייכות מיט אונז, און וואס עס איז קעגן די תורה האט נישט מיט אונז, "**דער תורה הק' איז דער עיקר, און דאס איז דער 'איינציגסטע קובע'.**

מען זעהט עס זייער שטארק, דער צאנזער רב איז געווען שטארק פארקאכט מיט "רבי יחזקאל'ע", דער נודע ביהודה, אפילו ער איז געווען א שארפער מתנגד, אזוי אויך מיט'ן גר"א, דער צאנזער רב פלעגט לערנען פרייטאג צונאכטס "ביאורי הגר"א", ער האט געזאגט אז דאס איז זיין עונג שבת.

ביי אנדערע פלעצער, ביי די רוסישע חסידים, האט מען בכלל נישט גורס געווען קיין פון די מתנגדים, די גאנצע מציאות פון די ליטווישע גדולים.

דער צאנזער רב האט אבער געהאלטן אויב האט עס מיט תורה, האט עס מיט אונז א שייכות, און אויב איז עס קעגן די תורה, איז עס אפגעפרעגט אינגאנצן, דער קובע איז די תורה.

בקיצור נמרץ וואס מיר האבן געשמועס ביז אהער, עס זענען געווען אסאך דרכים אין עבודת ד' פון ווען די וועלט שטייט, אנגעהויבן פון די אבות, און די שבטים אא"וו, די בעש"ט האט מייסד געווען דעם דרך החסידות אויף א כלליות'דיגע פארנעם, זיינע תלמידים פון נאכן מעזריטשער מגיד האבן זיך צוטיילט אין פארשידענע דרכים אין עבודה, בעיקר געשטעלט אויף געוויסע יסודות, וואס דאס האט משפיע געווען אויף זייער גאנצע עבודה, במשך השנים האט זיך געשאפן א פראבלעם מיט דעם, אז מען האט געמאכט 'דעם' פרט פאר א עיקר אין דאס האט גורם געווען א הזנחה אין פארשידענע אנדערע חלקי התורה.

איז געקומען דער הייליגע ר"ר אלימלך אין מייסד געווען אז חסידות איז אוועק געשטעלט אויף כלליות'דיגע אידישקייט, דאס הייסט מיר טוען רצון השם אויף יעדע אופן וואס שייך, **מיר זענען בטל צום אייבירשטן, אין צו די 'גאנצע תורה' הק', און מיר זענען משועבד צו יעדע סעיף אין שו"ע, און צו מקיים זיין אלע מצות פון די גאנצע תורה מיט א חיות און א ברען און א פנימיות הלב.**

דערנאך איז געווען דער רבי פון לובלין וואס האט ממשיך געווען דעם דרך ווי מען טאקע זעהט אז ער האט געהאט אלע מיני תלמידים, ראפשיצער רב איז געווען שפעטער, וואס די רבי האט זיך אויף אים אויסגעדריקט ער איז געווען די 'שומר פון חסידות'.

דערנאך איז געווען דער הייליגע צאנזער רב וואס ער איז ארויס קעגן די אלע וואס האבן געמאכט א תורה שלימה פון א פרט, וואס דורך דעם האבן זיי פארלוירן זייער ברען צו אנדערע יסודות פון די תורה. און ווי אויך איז דער פרט אליין אויך געווארן אינגאצן פארדרייט במשך הימים.

**דעם רבינ'ס דרך**

ווי גערעדט ביז יעצט אז דער דרך האט זיך אנגעהויבן פונעם הייליגן ר"ר אלימלך פון דארט קיין לובלין, פון לובלין קיין ראפשיץ און נאכדעם קיין צאנז, **קומט אויס אז דער שורש אין די מקור פונעם רבינ'ס דרך איז פונעם הייליגן ר"ר אלימלך זי"ע.**

**ר"ר אלימלך**

עס האט דערציילט א איד אז ווען ער איז געווען א קינד, מיט אסאך יארן צוריק, האט זיין מלמד אין חדר זיי אויסגעלערנט דער המשך וואס איז דא פונעם רבי'ן זי"ע ביז'ן בעל שם טוב. און ער האט געזאגט אזוי דער רבי, דער קדושת יו"ט, דער ייטב לב, דער ישמח משה, דער רבי פון לובלין, דער מגיד, און דער בעל שם טוב.

ווען ער איז אהיימגעקומען פון חדר האט ער געזאגט פאר זיין טאטן וואס דער מלמד האט אויסגעלערנט, און זיין טאטע האט געהאלטן אז דער רבי ז"ל וועט הנאה צו הערן אזא זאך, איז ער געגאנגען צום רבי'ן מיט'ן קינד, און ער האט עס איבערגעזאגט פאר'ן רבי'ן.

האט דער רבי געפרעגט 'וואס איז מיט'ן רבי ר' אלימלך' דער טאטע האט געוואלט מלמד זכות זיין אויף די מלמד, האט ער געזאגט 'דער מלמד האט געוואלט מאכן ווי נענטער' האט דער רבי געזאגט "דער רבי ר' אלימלך מאכט נישט ווייטער, נאר נענטער"...

עס איז פשוט אזוי ווייל ווי געזאגט איז דער ר"ר אלימלך דער שורש פונעם רבינ'ס דרך.

**ראפשיץ**

ווי אויך האט דער רבי בכלל געהאט זייער א שטארקע שייכות מיט ראפשיץ. דער רבי איז געווען זייער מקושר אין ראפשיץ, און גענומען גאר אסאך שניטן פון ראפשיצער רב און דער גאנצער מהלך פון ראפשיץ, **דער הייליגער ראפשיצער רב האט געהאט א מורא'דיגע ברען פאר קדושת נשמת ישראל און צו די תורה הק' און וועגן דעם האט ער נישט געקענט דערהייבן איינער וואס האט פארדרייט עפעס פון די תורה און אידישקייט.**

**דעם רבי'נס גאנצע קנאות איז אויך געקומען פון דעם מקום, פון א מורא'דיגן ברען פאר קדושת ישראל, פאר קדושת ארץ ישראל, און וועגן דעם, איינער וואס פארדרייט וואס דאס מיינט "א איד" ציונות האט פארדרייט דעם מושג פון א איד, אז א איד קען זיין אן א תורה ח"ו האט דער רבי נישט געקענט סובל זיין אזא זאך.** דעם רבי'נס ברען איז געקומען פונעם זעלבן מקום און מיט'ן זעלבן מהלך. זייער אסאך מיט'ן ראפשיצער שניט.

און בכלל איז דעם רבינ'ס גאנצע שניט אין באהאלטנקייט געווען אויפן ראפשיצער מהלך, וואס דאס איז זיך צו באהאלטן אין פשטות און זיך אהער שטעלן כאיש בין אנשים, און רעדן מיט יעדן כאחד האדם, אזוי ווייט אז צומאל זאלן די ארומ'יגע נישט כאפן אז זיי שטייען דא פאר א מלאך אלוקים. וואס דאס איז אנדערש ווי דער סיגוט'ער מהלך, וואס איז געווען זיך צו באהאלטן אין הנהגה אדער אין הרבצת התורה.

און דער שורש החילוק איז, וויבאלד אין ראפשיץ איז דער ענין פון באהאלטנקייט געווען מער על דרך העבודה, דאס הייסט מען האט געהאט אן עבודה אין דעם, און צוליב דעם, טאמער עס האט אמאל אויסגעפעלט זיך נישט צו באהאלטן, דעמאלטס האט מען געפראוועט בהתגלות מיטן גאנצן פארנעם, און אזוי געווען ביים רבי'ן ווען עס איז געקומען צו קריאת התורה יעדן שבת, אדער ביים מגילה ליינען, ווער רעדט נאך שמחת תורה, איז עס געגאנגען מיט'ן גאנצן רבי'שקייט, משא"כ אין סיגוט ווי דער באהאלטנקייט איז געווען מער א מהלך און א שיטה אז אזוי קומט עס, איז געווען יעדער ענין פון רבי'שקייט א סוד וואס האט געמוזט בלייבן א סוד, הסתר בתוך הסתר, און עס האט קיינמאל נישט געמעגט נתגלה ווערן.

**צאנז**

יעצט צו צאנז איז פשוט, דער רבי איז געווען כל כולו צאנז, **דער גאנצער מהלך פונעם רבי'ן איז געווען זייער שטארק צאנז**, תורה עבודה אין גמילת חסדים אויף אזא פארנעם. אינטערעסאנט, די יארצייט געפאלט אויף אלעמאל דעם זעלבן טאג אין וואך, כ"ה ניסן און כ"ו אב. אסאך זאכן איז געווען אייניג. "בואי בשלום" די לעצטע יאר, און נאך.

דער רבי האט גערעדט פון צאנז מיט מורא'דיגע הפלגות, אויף איין פלאץ זאגט ער א פלא פון א הפלגה, שלא כדרך פונעם רבי'ן בכלל, עס איז געדרוקט אין טיב לבב, דער רבי זאגט דארט, יעדעס מאל ווען עס ענדיגט זיך א תקופה, דער לעצטער צדיק איז גרעסער פון די וואס זענען געווען פאר אים, א גאנצע תורה באריכות, און דער רבי זאגט אפאר דוגמאות, רבינו הקדוש מסדר המשניות איז געווען דער גרעסטער פון אלע תנאים, ווייל ער איז געווען דער לעצטער. רב האי גאון דער לעצטער גאון איז געווען גרעסער פון אלע גאונים. דער רא"ש דער לעצטער ראשון איז געווען גרעסער פון אלע ראשונים. און "דער צאנזער רב" איז געווען דער לעצטער פון די תלמידי בעל שם, און ער איז געווען גרעסער פון צדיקים וואס זענען געווען פאר אים!

א חידוש פון א הפלגה, אזוי אנדערש פון ווי דער רבי האט געווענליך גערעדט, אלעמאל פלעגט דער רבי רעדן מיט'ן מהלך אז די פריערדיגע זענען ראשונים כמלאכים, מ'זאל נישט גרעסער מאכן די שפעטערדיגע, אבער דא האט ער יא געזאגט אויף צאנז, ער איז געווען גרעסער פון פריער.

און אזוי אויך דער גאנצער מלחמה פונעם רבי'ן קעגן ציונות, און זיין **התנגדות צו די מדינה וכל המסתעף, איז געווען ע"ד צאנז, דאס הייסט וויבאלד עס איז קעגן די 'תורה', דער רבי האט געשריבן דעם גאנצן ספר הקדוש ויואל משה פאר איין ציל צו מברר זיין אז די מדינה און השתתפות בבחירות וכו' איז קעגן די 'הלכה'.**

דאס איז אנדערש ווי אזעלכע וואס זייער גאנצע התנגדות צו ציונות איז נאר מצד זייערע גזירות, און אנדערש ווי די רוסישע קנאות וואס איז מצד לאומיות, איז דעם רבי'נס גאנצע נקודה געווען אז עס איז קעגן די תורה, קעגן די הלכה, "דאס איז צאנז בתפארתה".

אזוי אויך דאס וואס **צאנזער רב האט אוועק געשטעלט אז 'נאר' די תורה איז אלעמאל דער קובע, דאס איז געווען זייער שטארק דעם רבי'נס שניט. דער רבי פלעגט כסדר חזר'ן אז נאר די תורה איז דער קובע אלעמאל**, און וועגן דעם איז געווען אן א שיעור גדולים וואס אפילו זיי זענען געווען גאר ווייט פונעם רבי'ן, ליטווישע, און אנדערע, אבער אויב האט עס נישט אנגערירט די יסודות פון אמונה, האט דער רבי געהאלטן אז עס איז כשר, און טאמער האט ער געהאט אין זיך א געוויסע גדלות, האט דער רבי מורא'דיג מקרב געווען, געזאגט הפלגות, וואס סתם מענטשן האבן נישט געקענט פארשטיין, אבער ביים רבי'ן איז געווען, טאמער שטימט עס מיט די תורה, איז קיין שום פראבלעם.

פון די אנדערע זייט, האט ער געמעגט זיין זייער גרויס, אויב אבער ער שטימסט נישט מיט די תורה, איז אראפ פון טיש אינגאנצן, עס האט בכלל נישט עקזיסטירט. נאר תורה איז דער קובע, דאס קומט פון צאנז.

<u>**די רבי האט נישט, "נישט געלאזט"**</u>

מען דארף פארשטיין א זאך, אז נאך די ביטערע וועלט מלחמה האט דער רבי געהאט זייער א שווערע פעלד אוועקצושטעלן די זאך, ווייל עס איז די ערשטע מאל אין די היסטאריע אזא מין מציאות, אז ס'קומט זיך צוזאם אין איין מקום, סיי אין אמעריקע און סיי אין ארץ ישראל, קומען זיך צוזאם פון אלע קרייזן אויפאיינמאל.

נאך די מלחמה איז געווען א בלבול העולם, ס'זענען אנגעקומען אלע סארטן אידן, יעדער האט געברענגט זיין מסורה און זיין מהלך, און ביי די אלע פלעצער איז יא געווען דער מהלך שטארק פארקערט, איינער האט געלייגט א דגוש אויף שבת, איינער אויף קדושה, איינער אויף תורה, יעדער האט געלייגט א דגוש אויף איין ספעציפישע יסוד און דער רבי

האט כסדר געדאַרפט איינבאַקן און חזר'ן מיט זיין עולם, אז "אונזער דרך איז נישט דאס און נישט דאס", נאר אונז זעמיר משועבד פאר די גאנצע תורה, אלעס איז גלייך, מאך נישט קיין עסק מער פון איין זאך קעגן די אנדערע.

עס איז דא זייער אסאך מימרות פונעם רבי'ן, וואס דער רבי האט געהייסן "נישט דאס" און "נישט דאס" און דא איז דא א וויכטיגע נקודה, עס איז דא אסאך וואס זענען זיך טועה, אז עס קוקט אויס דעם רבי'נס דרך ווי א שליליות'דיגע מהלך, ער האט נישט געוואלט דאס און נישט יענץ, נישט קיין מנהגים, נישט קיין מעשיות און נישט קיין קפידות, ער האט געהאלטן אין איין אוועקמאכן.

דער אמת איז אבער פונקט פארקערט, לויט ווי געשמועסט ביז יעצט, **דער מערסט חיוב'דיגסטער דרך, דער מערסט פאזיטיווער דרך, איז געווען דעם רבי'נס מהלך, מער ווי אלע דרכים. פארוואס? ווייל דער צאנזער מהלך איז געווען אז א איד ברענט "יא" פאר 'יעדע' זאך וואס האט מיט אידישקייט, "יא" פאר די גאנצע תורה,"יא" פאר 'יעדע' סעיף אין שו"ע, "יא" פאר 'יעדן' שבת, "יא" פאר 'יעדן' יו"ט, עס איז א מהלך וואס איז אלעמאל א "יא", און קיינמאל איז עס א "נישט", מורא'דיג פאזיטיוו.**

נאר וואס דען? וויבאלד עס איז געווען אזא פארדרייטקייט נאך די מלחמה, וואס ביי אונז הייסט דאס פארדרייטקייט עס איז געווען אסאך דרכים, יעדער דרך איז הייליג, אבער דאס איז נישט אונזער דרך, האט דער רבי געדארפט כסדר שולל זיין, נישט דאס און נישט יענץ, און ווען מ'קוקט עס נישט אן ריכטיג, קוקט עס אויס ווי א שלילית'דיגע דרך. **אבער מען דארף זיין זייער קלאר אז די הנהגה פונעם רבי'ן צו שולל זיין זאכן, דאס איז נישט דער 'עצם' דרך, דאס איז נאר דער וועג ווי אזוי דער רבי האט 'מברר' געווען און 'אויסגעקלארט' זיין דרך.**

**עכ"פ דער מהלך פונעם רבי'ן איז דער צאנזער דרך, וואס איז בעיקר קיום מצות מעשיות מיט א ברען און א רגש דקדושה, און דער ברען און רגש איז צו אלע מצות און די גאנצע תורה גלייך**, א איד האט אמאל זיך אפגערעדט פאר'ן רבי'ן אז עס איז זייער שווער צו זיין א סאטמארע חסיד, ווייל פון איין זייט איז מען גאר שטארק מחמיר אויף אזופיל ענינים, און פון די אנדערע זייט האט מען גארנישט, האט דער רבי געזאגט, וואס הייסט רגש אין עשיית המצוה איז דען גארנישט? דאס איז כולו צאנז, א עסק און א מצב פון יעדער דבר שבקדושה.

אין פנימיות הדברים איז דאס דער יסוד החסידות, ביי חסידים איז געווען דער עיקר עבודה זיך צו מקשר זיין מיט די מעשה וואס מען טוט, וויבאלד מדת היסוד איז די מדה פון התקשרות, דאס מיינט צו זיין מקושר מיט די מעשה וואס מען טוט, וועגן דעם האט מען ביי חסידים געמאכט א גרויסע עסק פון הכנה למצוה און הכנה צו א יום טוב, הכנה איז בגימט' יסוד, כדי ווען עס קומט דער קיום המצוה, אדער דער זמן, זאל מען זיין אינגאנצן מקושר מיט די עשיית המצוה. אין אנדערע ווערטער, במקום וואס ביי די ספרדים האט מען אריינגעלייגט די גאנצע עסק אין כוונות אדער ענינים, און ביי די ליטאים האט מען אריין געלייגט די גאנצע זאך אין דקדוקי הלכות, **האט מען ביי חסידים אריינגעלייגט די גאנצע כח אין מקיים זיין מצות מיט הרגש דקדושה ופנימיות הלב.**

און דאס איז אויך געווען די צורה און צוגאנג ווי אזוי מען האט געלערנט חסיד'ישע ספרים אין אונזערע מקומות, אלס אן הכנה צו א יום טוב אדער צו א מצוה, כדי דורך דעם זיך צו מקשר זיין מער און מער צום אור היום טוב והמצוה.

### <u>נישט מאכן אן עסק פון "קפידות" און מנהגים</u>

וועגן דעם איז טאקע באקאנט אז דער רבי האט נישט געלאזט מאכן קיין עסק פון "קפידות", און די אלע סארט זאכן, טאקע פארדעם, אזוי ווי צאנזער רב האט געזאגט ער האט מורא מען וועט נעמען איין פרט און פון דעם מאכן די גאנצע אידישקייט, און מען וועט נישט האבן די נאטירליכע ברען צו די 'גאנצע' אידישקייט, האט דער רבי אויך זייער מורא געהאט פאר דעם.

אין אנדערע פלעצער איז געווען פארקערט, אלעס האט זיך געדרייט מיט דעם מנהג און יענעם קפידה, אבער ביים רבי'ן איז נישט געווען אזא מין זאך. כידוע ער האט געהאלטן אין איין טוישן מנהגים, עס איז כמעט נישט דא קיין מנהג וואס ער האט נישט געטוישט במשך השנים, מען קען אויסרעכענען א גאנצע ליסטע פון יעדן יום טוב אן א שיעור מנהגים וואס ער האט געטוישט, אוודאי עס איז הויכע זאכן און ער האט געהאט זיינע ענינים, אבער די נקודה איז, עס איז נישט געווען געשטעלט אז מ'האלט אן יעדע זאך מיט א תקיפות.

דער סקווערער רבי ז"ל האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן, צי דער קדושת יו"ט איז אמאל געווען אין צאנז האט אים דער רבי געזאגט "ער איז 'אמאל' געווען אין צאנז? ער איז 'אמאל' געווען אינדערהיים"...? האט ער געפרעגט "האט ער געהאלטן אלע מנהגים פון צאנז?" האט אים די רבי געזאגט "בכלל נישט".

ביי אונז איז בכלל נישט געווען די זאך אז מ'האלט אלע מנהגים פונעם רבי'ן, נישט אזוי ווערט מען נאנט מיט א רבי'ן אז מ'האלט אלע מנהגים, פארקערט, עס איז א באקאנטער אויסדרוק פונעם רבי'ן אז ער פירט זיך ווי זיין טאטן, ווייל זיין טאטע האט אויך געטון אנדערש ווי ער האט געזען.

מען האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן אויף א זאך וואס ער האט געטוישט ביים סדר נאכט אז ס'שטייט אין "דרכי חיים", אז צאנזער רב האט אזוי געטון.

האט דער רבי דעמאלטס געזאגט אן אינטערעסאנטע הגדרה, "מען קען שרייבן די גאנצע דרכי חיים אלעס פארקערט, יעדע זאך אנדערש, און עס וועט זיין ריכטיג, נאר פון א אנדערע יאר". און דער דרכי חיים איז א פארלעסליכער ספר, נאך אלץ, דער צאנזער רב האט איין יאר געטון אזוי און איין יאר אזוי.

און פארוואס טאקע האט ער מורא געהאט צו מאכן א קפידא פון א חסיד'ישן מנהג, וואס איז שלעכט, ער האט מורא געהאט אז מען וועט דאס האלטן פאר אן עיקר, **אוודאי אונז חסידים מעגן האלטן מנהגים פון רבי'ן, א חסיד בטבע וויל טון אלעס ווי דער רבי, עס איז נישט קיין חסרון, אבער 'נישט זאגן' אז דאס דער שניט, דאס איז דער מהלך, אז כאילו דאס איז דער גאנצער דרך.**

__פון תשל"ט ביז תשפ"ה, רעזולטאטן פונעם "רבי'נס דרך"__

אז מען וועט נאר קוקן אביסל מיט א ניכטערן בליק, וועט מען זען מיט א מורא'דיגע שטארקייט ווי אזוי עס האט זיך ארויס געשטעלט ריכטיג דער הייליגער דרך, דער רבי דארף נישט אונזער הסכמה, אבער עס איז שוין דורכגעגאנגען באלד פופציג יאר וואס דער רבי איז שוין נישט דא, און מ'זיצט דא חסידים צוזאמען, מען זעהט ווי אזוי די וועלט גייט היינט, **ווי אזוי דעם רבי'נס דרך האט מצליח געווען הונדערט פראצענט! מען זעהט ווי ווייט עס גייט דער בליק און דער 'אחריות' פון א צדיק.** פונעם רבי'ן און די אלע פריער'דיגע צדיקים וואס האבן אוועק געשטעלט דעם דרך.

עס איז מורא'דיג בולט סיי אינעם גוטן חלק **דער ערשטער זאך אז אונזערע רבי'ס האבן מורא געהאט אז מען וועט פארלירן די קאך צו כלליות'דיגע תורה**, מען זעהט קלאר וואו עס איז דא אין די גאנצע וועלט עפעס א פראבלעם אין אידישקייט, אפילו ענינים וואס האט נישט קיין שום שייכות מיט ציונות, קיין שום שייכות מיט סאטמאר, קיין שום שייכות מיט'ן רבי'ן, אזעלכע זאכן וואס דער רבי האט קיינמאל נישט גערעדט דערפון, פרישע פראבלעמען, צי דא אין אמעריקע צי אין ארץ ישראל, וואו אימער עס זאל נאר זיין, **דעם רבי'נס מענטשן זענען אייביג דא תיכף, מיט געלט, עסקנות, עס טוט זיי וויי, און מען רודערט, תיכף ווען עס ווערט עפעס א נושא פון אידישקייט, ער ווערט אנגעצינדן, נישט דוקא רבנים און בני תורה, נאר אפילו א בעל הבית, ער "ברענט פאר אידישקייט", אידישקייט מיינט אים, און דאס** קומט אלעס ווייל מען האט "נישט" אריינגעלייגט דעם 'גאנצן' ברען פון אידישקייט אין 'איין' זאך. ווייל דאס איז געווען

"דעם רבי'נס מהלך". און דעם רבי'נס אחריות, צו לאזן אפן דעם נאטורליכן ברען וואס א איד האט פאר יעדע ענין אין אידישקייט.

אנדערע וואס זענען נישט פון דעם חדר שפירן, איך האב מיינע עיקרים, איינער שבת, איינער תפלה, מיין 'ברען' איז דארט, ער שפירט נישט אז יעדע נושא פון "אידישקייט" איז אים מחייב, וויבאלד מען האט אריינגעליגט דעם גאנצן ברען אין איין יסוד עס איז אלעס הייליג און זייער גוט, אבער דער סייד-אפעקט איז דאס, ווען ס'ווערט א פראבלעם מיט אן אנדערע זאך, האט ער נישט דעם כלליות'דיגן ברען. "דאס" האבן אונזערע רבי'ס נישט געוואלט ס'זאל געשען.

און דאס זעט מען מורא'דיג בולט, מען וויל נישט געבן קיין דוגמאות ווייל מען קען זיך אויף יעדע זאך דינגען, אבער עס איז דא אן א שיעור, עס איז יעצט דא אפאר זאכן עומד על הפרק, אזעלכע זאכן וואס איז נוגע בעצם לכל מי אשר בשם ישראל יכונה, און מען זעהט דעם רבי'נס מענטשן, נאר זיי ברענען פאר דעם, דער ברען פאר אידישקייט איז געבליבן נאטורליך, מען האט דאס נישט מצמצם געווען.

מען גייט צוריק צום רבי'נס צייטן, עס איז געווען די "תימנ'ער קינדער", די "מאראקאנער קינדער", די "רוסישע אידן", קיינער פון זיי איז נישט קיין סאטמארע חסידים, זיי שטאמען נישט פון אונגארישע אידן, אבער אז עס איז דא א פראבלעם מיט אידן אין די אנדערע עק וועלט, האט עס געמיינט דעם רבי'ן, און עס האט געמיינט זיינע מענטשן. פארוואס? ווייל אויב עס איז תורה, מיינט עס מיר. דאס איז צאנז, און דאס איז דעם רבי'נס דרך.

<u>**אהבת ישראל**</u>

און אגב אז מען רעדט פון דעם אז יעדע צרה ווי אימער עס זאל האבן געווען האט דאס געמיינט דעם רבי'ן, איז דאס איז דער שפיץ פון "אהבת ישראל"! אויב וועט מען וועלן זוכן ווער האט געהאט דעם מערסטן ברען פון אהבת ישראל, ווער איז געווען דער גרעסטער אוהב ישראל פון די לעצטערע צדיקים, דער רבי איז די גרעסטע דוגמא.

די גרעסטע אהבת ישראל וואס מען האט געזען צו כל אשר בשם ישראל יכונה, נישט קיין חילוק וועלכע סארט איד, נישא קיין שום חילוק די חיצוניות פונעם איד, אויב איז ער א איד, ער האט א נשמה, האט עס געמיינט דעם רבי'ן, וואו עס איז נאר דא א איד אויף דער וועלט איז בצער, ער האט דאס נישט פארנומען ער כאפט א סטראוק ל"ע וועגן דעם, ער דערהייבט עס נישט,

עס האט פארציילט א יונגערמאן א זיסע מעשה, ער האט אמאל געהאלפן א באקאנטן קארלינער חסיד, אן עלטערער איד, ער האט אים געהאלפן ארויפגיין די טרעפ, דער איד זאגט אים "קוק אן א סאטמארער יונגערמאן העלפט א קארלינער, א מורא'דיגע זאך". זאגט אים דער יונגערמאן "יא, ווייל קארלין איז דאך אהבת ישראל..." די גאנצע שפראך אין קארלין איז אהבת ישראל, ליב האבן אידן, עס איז דארט דער יסוד היסודות, וואס מען חזר'ט כסדר.

זאגט אים דער קארלינער איד "דו פארשטייסט נישט, ביי אונז רעדט מען פון דעם און ביי ענק טוט מען עס"...

עכ"פ זעהט מען די ערשטע נקודה, ווי ווייט עס שטעלט זיך ארויס ווי וויכטיג עס איז געווען צו לאזן אפן דעם ברען פון אידישקייט, צו די גאנצע תורה און נישט זיך קאנצעטרירן אויף איין זאך.

**די 'צווייטע זאך' וואס אונזערע רבי'ס האבן מורא געהאט אז מיטן לייגן א דגוש אויף איין פרט, וועט עס מרוב דברים ווערן אינגאנצן פארדרייט, דאס זעט מען ליידער זייער שטארק,** מען דארף מצמצם זיין בדיבור, יעדער ווייסט, ס'שרייט ארויס, מען ווייסט וואס איז געשען ווען מען האט גענומען איין זאך און געמאכט דערפון אזא מין עסק, ווי פארדרייט עס איז געווארן, ביז משוגעת'ן און ביז צו חששות פון הארבע זאכן, דאס איז געשען פון פארדרייטקייט אז מ'נעמט איין זאך, מ'לייגט זיך אריין דערין, מען רעדט אזויפיל דיבורים, איז דאס געשען. און דער מציאות איז, מען זעהט ווי ווייט עס גייט, און דאס איז געווען דער חשש פונעם רבי'ן. מען וואלט געקענט מרחיב זיין הדיבור מיט דוגמאות, נאר מפני כבודן של ישראל איז נישט כדאי אריינצוגיין, אבער דער מציאות רעדט פון זיך אליין.

**<u>נישט קיין חילוק וועלכער ספר</u>**

עכ"פ דער מהלך איז קלאר נישט אריין גיין אין פרטים, נאר אלעמאל בכלליות, וועגן דעם האט דער רבי נישט געוואלט זאגן פאר'ן גאנצן כלל א "ספר" וואס מ'זאל לערנען , ווייל **עס איז נישט נוגע וועלכער ספר, אידישקייט איז נישט געבויט דוקא אויף 'דעם' ספר און אויף 'דעם' צדיק, נאר יעדער פאר זיך שעפט חיות פון וואו ער שפירט א קשר און א דביקות.**

דער רבי פאר זיך האט געהאט זיינע צדיקים, כידוע, ווען ער איז געווען נישט געזונט האט ער געשיקט מתפלל זיין ביי דריי צדיקים, וואס ער האט געשפירט אז דארט דארף מען גיין מתפלל זיין פאר 'אים', אבער פאר א יחיד איז נישט געווען אזא מין מושג, יעדער פאר זיך קען נעמען א ספר וואו ער שעפט חיזוק און חיות אין זיין ענין.

רבי מרדכי דוד קאהן ז"ל וואס ער איז געווען א יחיד מומחה און די סוגיא וואס מען רעדט דא, ער פלעגט אלעמאל מגדיר זיין, "אונזער עולם איז נישט דאס און יענץ, וואס יא, אונז זעמיר אלע צעבראכענע נשמות, איבערגעלעבט די קריג, און אונז נעם מיר חיזוק פון 'אלע' תלמידי בעל שם".

רבי מרדכי דוד אליינס, ער פאר זיך איז געווען גאר א געהויבענער איד, ער איז געווען שטארק דבוק אין ספרי חב"ד, אזוי אויך איז ער געלעגן שטארק אין איזשביצער ספרים, פוילישע ספרים, דאך איז ער א "פארברענטער סאטמארער חסיד". עס איז נישט קיין סתירה.

ער פלעגט זאגן אויף יונגעלייט, מען הייבט אן לערנען א געוויסער ספר, און ער רעדט זיך איין אז ער געהער שוין דא און דארט, פלעגט ער זאגן, אז אזוי ווי ווען איינער לערנט א לאנגע תוספות, ווערט ער נישט יעצט איינער פון די בעלי התוספות, און ווען איינער לערנט זרע קודש ווערט ער נישט קיין 'ראפשיצער חסיד', און ווען איינער לערנט תפארת שלמה ווערט ער נישט קיין 'ראדאמסקער חסיד'.

איז פארוואס ווען מען לערנט דעם ספר און יענער ספר, אה, ער באקומט שוין א 'לעיבל'... ער געהער שוין דא און דארט. עס איז א קטנות פונעם לומד, דער יונגערמאן, כאילו דאס איז דער גאנצער צדיק ביי דיר? דאס זיך פירן ווי דעם מנהג, דעם נוסח.

דער אינגערמאן ער גלייבט זייער ווייניג אין קדושת הצדיק, ער גלייבט ווייניג אין די 'אור הצדיק' וואס איז דא ביי תלמידי בעש"ט, אז ער דארף זיך לעיבלען מיט א געוויסע חיצונית'דיגע הנהגה.

**דער יסוד הדברים איז זייער פשוט, יעדער קען שעפן חיות פון וואו ער וויל, עס איז בכלל נישט קיין סתירה, אבער דיין 'דרך' און מהלך אין עבודת ה', איז דער מהלך וואו די ביזט אויפגעוואקסן.** דער אויבערשטער שיקט אראפ יעדע נשמה לויט זיין דרך און תיקון וואו ער דארף זיין, און אויב וואלט דער אויבערשטער געוואלט אז דו זאלסט אים דינען לויט'ן ספרד'ישן מהלך, וואלסטו געבוירן ביי ספרד'ישע אידן, און אויב וואלט ער געוואלט זאלסט אים דינען מיט'ן ליטווישן מהלך, וואלסטו געבוירן געווארן אין בני ברק ביי א חזון איש'ניק, אבער אז דו ביזט געבוירן געווארן ביי אן אונגארישע משפחה, איז פשט אז דאס איז דיין דרך, און דאס איז דיין תיקון, דיין נשמה דארף אים דינען אויף דעם אופן. דאס איז דער א"ב פון אמונה, ער גייט זיך זוכן אן אנדערן דרך, ווייל ער פארשטייט נישט די א"ב פון די זאך.

קענסט שעפן חיות פון קאמארנער ספרים, פון וויטעבסקער ספרים, בני יששכר, עס איז דא זייער א רייכע ספרים שאפע, מען קען שעפן פון וואו מען וויל, עס איז בכלל נישט קיין סתירה מיט'ן דרך וואס מען האט אונז געלערנט און מען האלט זיך צו דעם.

**ווייל דער 'דרך' איז, די הנהגה למעשה ווי אזוי מען גייט צו צו אידישקייט, צו האבן דעם ברען און קאך צו די גאנצע תורה, און נאכדעם איז דא אז דער מענטש דארף האבן חיות דקדושה דאס קען ער שעפן פון אלע תלמידי בעש"ט, יעדער לויט זיין תכונת הנפש און שורש נשמה.**

**"צאנז מיט חתם סופר", אבער רוב איז צאנז**

עס איז באקאנט אז דער רבי האט געזאגט אז זיין דרך איז "צאנז" מיט'ן "חתם סופר". עס איז דא א גרויסער טעות פון מענטשן ביי דעם, ווייל מ'לערנט עס אפ פופציג-פופציג, פופציג פראצענט צאנז און פופציג פראצענט חתם סופר.

עס איז א גרויסער טעות, דער רבי איז געווען "כולו צאנז", און חתם סופר איז געווען אפאר חלקים: דער סטרוקטור פון א קהלה, ראשי הקהלה, מעמבערס, וכו', דאס קומט פון חתם סופר, און אביסל די ישיבה, לימוד הסוגיא, אופן פון לערנען, הרבצת התורה.

אבער דער גאנצער שניט פון התבדלות אז מען מוז אלעמאל זיין אנדערש פונעם גוי, איז מער פון צאנז און פון רימאנוב. דער שניט און מהלך פון אידישקייט איז געווען מער געבויט אויף צאנז און תלמידי בעל שם.

**די טיפקייט פונעם רבי'נס מהלך**

וואס מען האט גערעדט ביז יעצט, איז אלעס נאר דער "פשטות" פונעם רבי'נס מהלך, עס איז אבער דא אסאך טיפקייטן אין דעם דרך, צו פארשטיין עומקן של דברים, עס איז נישט שייך צו אריין גיין יעצט אין דעם גאנצן ענין, נאר אין קורצן אביסל מער די "טיפקייט" דערפון.

איידער'ן בעש"ט איז אויך געווען צדיקים, עס איז אויך געווען ערליכע אידן, דער בעש"ט איז געקומען בעיקר אוועקשטעלן אז מ'זאל טון מצוות מיט א ריינקייט, מיט א ריינע כוונה, פאר'ן ריכטיגן ציל, לשמה. די גאנצע אידישקייט, תורה ומצוות זאל זיין מיט די ריכטיגע תכלית און מטרה, וואס דאס איז צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן, דורך די מצוות, "ווייל חסידות זוכט אלעמאל די פנימיות און תכלית פון יעדע זאך".

ביים בעל שם טוב און אזוי אויך **ביי אלע 'תלמידי' בעל שם, אין ערשטן דור בפרט, טרעפט מען נישט אזא מין זאך, מען האט קיינמאל נישט גערעדט עבודת ה' אויף א אופן פון למעשה ממש, נאר מען האט אלעמאל גערעדט נאר זאכן ווי אזוי דאס איז בשורש, די קדושה פון יעדע זאך, די חשיבות פון יעדע זאך, 'מושגים', 'בחינות', 'דרגות'**, מען האט נישט געזאגט פאר א איד אז ער דארף היטן די אויגן, די מויל, אא"וו, נאר מען האט געזאגט א בחינה אויף די גרויסקייט פון די עינים, פון א פה, פון א מחשבה, לדוגמא אז די עינים און די מויל פון א איד זענען א מרכבה פאר די העכסטע עולמות, און די כוונה איז געווען אז דער איד וואס הערט די בחינה, וועט ער אליינס דורך דעם 'מער' אכטונג געבן אויף די קדושה פון זיינע איברים, מען האט נישט געזאגט ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן שבת און יו"ט, מען האט נאר גערעדט די שורש קדושת שבת ווי גרויס יעדע שבת איז אין ווי גרויס יעדע יו"ט איז, און די זעלבע זאך איז ביי די ענין פון תפלה, וכדו'.

די אנדערע דרכים בימיו פון בעל שם טוב, און שפעטער **די בעלי מוסר, זענען יא געווען געשטעלט זייער שטארק פון מאכן אן עסק אין ענינים פרטיים בעבודת ה', אויף למעשה, האסור והמותר, אזוי אויך ווי אזוי עס דארף אויסקוקן די 'הנהגה' פון א איד למעשה**, און זיי האבן גערעדט דערפון זייער שטארק, מען האט גענומען מדות, ערליכקייט, אריינגעגאנגען אין דקות, און געמאכט גאנצע סוגיות פון יעדע זאך.

און דער מהלך פון תלמידי בעש"ט, צו רעדן 'נאר' אויף דעם אופן פון 'בחינות און מושגים', האט געהאט גאר א שטארקע עומק און סיבה, איינס. **ווייל דורך דעם וואס דער איד 'אליינס' איז עומד, ער איז זיך אליינס מתבונן, אויף זיין**

**אחריות צו היטן זיך בקדושה, און צו אויסנוצן די זמנים מקודשים אויף א העכערע אופן, איז די גאנצע עבודה אסאך מער מיט א פנימיות ווייל עס קומט מעומק הנפש, וואס ער האט אליין משיג געווען, און מיט א דביקות לשורש הדברים,** און עס איז נישט סתם א חיצוניות'דיגע הנהגה וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן און גענומען אויף זיך וויבאלד אונזערע רבי'ס האבן נישט גערעדט אויף א אופן פון למעשה.

צווייטנ'ס. אזוי אויך איז דא נאך א שטארקע עומק און כוונה אין 'דעם' מהלך, אז וויבאלד פון די בחינות און מושגים איז זיך דער איד אליין מתבונן, אין ער ווערט פון דעם נתעורר צו עבודת ד', איז דאס יעדער לפום 'דרגה דיליה' לויט 'זיין' בחינה און 'תכונת נפשו'. און ממילא האט דאס א קיום, און עס איז נישט פאר יעדעם די זעלבע הנהגה אויף למעשה, וואס איז נישט שייך אז יעדער זאל זיין די זעלבע.

דריטנ'ס. ביותר פון דעם, איז דא אין דא די **עיקר סיבה פון דעם דרך, אז דער בעל שם טוב ותלמידיו האבן זייער מורא געהאט צו מאכן אן עסק פון פרטיות'דיגע מצוות, און מרחיב זיין הדיבור ארום דעם, ווייל דאס וועט גורם זיין אז מען וועט לייגן תפילין ווייל מ'לייגט תפילין, מ'לערנט תורה ווייל מ'לערנט תורה, מען וועט היטן שבת ווייל מ'היט שבת. און מען וועט פארגעסן דעם עיקר, אז מען לייגט תפילין ווייל מען וויל ווערן נאנט צום אויבערשטן, מ'דאווענט ווייל מען וויל ווערן נאנט צום אויבערשטן, מען וועט פארגעסן די 'מטרה' און 'תכלית' וואס ליגט אונטער יעדע זאך.**

<u>דעם רבי'נס מהלך אין זאגן תורה</u>

וועגן דעם האבן אלע אונזערע רבי'ס, צאנז, סיגוט, בעלז, און נאך, אלעמאל נאר גערעדט באופן כללי בחינות אין עבודת השם, און אפילו ווען מען האט מעורר געווען אידישע קינדער, איז עס בדרך כלל געווען נאר א כלליות'דיגע התעוררות, און נישט אריין אין קיין הנהגות און 'דרכי עבודה' למעשה, כדי עס זאל נישט נשתלשל ווערן פון דעם, אז מען בלייבט אינעם פרט און מען פארגעסט דעם עיקר תכלית און ציל פון א איד אויף דער וועלט, צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

דער רבי ז"ל, וואס איז געווען א המשך צו דעם, איז געווען 'גאר שטארק' אין דעם זאך, ער האט בדרך כלל נישט געוואלט און נישט געזאגט קיין פרטיות'דיגע הנהגה, סיי ברבים און אפילו נישט ביחיד - חוץ פאר די מלמדים - ווי אזוי מען דארף זיך פירן, אלעס, די גאנצע שפראך איז אלעמאל געווען נאר בכלליות אידישקייט. ווייל ווען דער רבי זאגט א פרט, טו אזוי און אזוי, גייט דער חסיד טון אזוי ווי דער רבי זאגט, און ער בלייבט אין דעם פרט, און ער פארגעסט, פארוואס טוט מען די מצוות נאר כדי צו ווערן נאנט צום אויבערשטן.

**דער מהלך פונעם רבי'ן איז געווען ע"ד התלמידי בעש"ט, אוועקצושטעלן די 'יסודות' פון אידישקייט גאר שטארק, און די ענפים און די פרטים צו לאזן אליינס געשען,** און ווי גערעדט איז דא אין דעם שטארקע סיבות לתועלת, און אזוי איז געווען דער אופן פון אמירת התורה ביים רבי'ן, אלעמאל צו רעדן די יסודות און עיקרי הדת, יציאת מצרים, מתן תורה, דור דעה, ארץ ישראל, נשמת ישראל, ביאת משיח, נסיונות הזמן.

און דער מהלך איז, אז **דורכדעם וואס די יסודות זענען שטארק, איז קודם דער עצם איד שטארק און פעסט, די נקודה הפנימית פון א איד לעבט ביי אים, און פון דארט און ווייטער וועט ער אליינס עומד זיין אויף אלע פרטים פון עבודת השם,** יעדער אויף זיין אופן, וואס ווי גערעדט איז דאס אויף אסאך א טיפערע אופן ווי ווען מען הערט דאס דירעקט פון א רבי'ן, ווייל דעמאלטס בלייבט דאס א חיצוניות.

דער תכלית פון לערנען די הייליגע תורות פונעם רבי'ן איז קודם די גרויסע יסודות וואס איז נוגע לדור האחרון, דער דור פון עיקבתא דמשיחא, וואס דער רבי איז געווען דער צדיק וואס איז געשיקט געווארן פין הימל במיוחד צו באלייכטן דעם דרך פאר'ן דור האחרון, צו וויסן אלע יסודות אין אידישקייט.

נאכדעם איז דא די כלליות'דיגע ברען וואס איז דא אין די דיבורים הק', וואס פון דעם ווערט יעדער נתעורר לפי תכונת נפשו און לויט זיין דרגה אין עבודת השם.

מען האט אמאל געשמועסט, טאמער איינער וויל אביסל קענען דעם רבי'ן, וועלכע ספר קען ער דורך לערנען, און אביסל אפלערנען ווער דער רבי איז געווען די תשובה אויף דעם איז, אז אויב ער וועט נעמען מושיען של ישראל, וועט ער וויסן ווער שלמה יענקל איז געווען, בוצינא קדישא וועט ער קענען ר' סענדער, ער וועט קוקן ר' נתן יוסף'ס דרשות וועט ער קענען ר' נתן יוסף, דאס הייסט 'זיין' השגה אינעם רבי'ן, המאזרני חיל ר' ליפא שווארץ, און אזוי ווייטער.

טאמער וויל ער אבער קענען דעם רבי'ן אליין, דאס הייסט **צו האבן עפעס א 'משהו' השגה אין דעם צדיק הדורות אין דעם קודש הקדשים, דארף ער לערנען אין לשון קדשו די הושענא רבה דרשות, תשי"ג, תשכ"ב, און אלע אנדערע יארן, וועט ער זען א איד וואס גייט אויס פאר כבוד שמים.**

**צי זאל ער לערנען די פורים תורות תשי"ח-תשי"ט און אלע אנדערע יארן, וועט ער זען א איד וואס האט נישט אויף דער וועלט גארנישט חוץ דעם רצון השם. און אזוי אויך די סיום הברכות פון אלע אידישע תורות וואס ער ווינטשט אלס, קען מען עפעס זען, אביסל מה שבלבו הטהור, וואס ער וויל פאר כלל ישראל, וואס ער וויל פאר כבוד שמים. די טיפע בקשות דארטן איז דאך נורא נוראות!**

דאס מיינט אז ביים רבי'ן איז געווען די יסודות פון אידישקייט זיין שפיץ, די קדושת נשמת ישראל, קדושת התורה, אא"וו, און דאס האט דער בעל שם טוב אריינגעברענגט, זיך צו קאכן אין די פנימיות פון יעדע זאך און נישט אין חיצוניות, ווייל אזוי איז מען דבוק אין די מטרה און מען בלייבט נישט אין די חיצוניות, אידישקייט האט א מטרה צו ווערן נאנט צום אויבערשטן, נישט אריינפאלן אין פרטים און זייטיגע זאכן, מ'זאל אלעמאל געדענקען די עצם נקודה.

**און דאס איז נישט נאר ביי דברי תורה נאר ביי גאנץ אידישקייט**, און וועגן דעם האט דער רבי נישט געמאכט קיין עסק פון קיין חיצונית'דיגע זאכן. לכאורה איז סאטמאר די איינציגסטע חסידות וואס ביי די מענער איז דא אלע סארטן היטן, שטאפענע, פלאכע ביבער היטן און די הויכע. אפילו רעקלעך איז דא דריי מינים... נארמאלע לאנגע רעקלעך, און נאכדעם איז דא וואס גייען מיט א האלבע, און נאכדעם איז דא אויכעט וואס גייען מיט א דריי פערטל, עס איז דא אלע מינים.

דער רבי האט קיינמאל נישט גערעדט פון דעם און משבח געווען דאס אדער יענץ, עס איז בכלל נישט קיין נושא, פארוואס? ווייל א זאך וואס רירט נישט אן עצם אידישקייט האט מען נישט געמאכט קיין עסק, און מען האט מורא געהאט אז טאמער וועט מען מאכן אן עסק פון א געוויסע זאך, וועט מען פארגעסן די עיקר מטרה אז אידישקייט מיינט ווערן נאנט צום אויבערשטן.

<u>מגידים ומשפיעים, האסור והמותר</u>

מען וועט אויסשמועסן א וויכטיגע נקודה, בהמשך וואס מען האט גערעדט ביז יעצט, וואס אסאך פרעגן וועגן דעם. עס איז היינט א וועלט פול מיט מגידים ומשפיעים, אן א שיעור, עס איז א געוואלדיגע זאך און זיכוי הרבים, א גילוי און א ריבוי תורה וואס גייט פאר, א קירוב הגאולה, אן א שיעור מענטשן ווערן נתקרב צום אויבערשטן דורכדעם, און עס העלפט ארויס זייער שטארק.

אבער מען דארף זיין זייער קלאר, יעדער איינער וואס נעמט חיזוק פון וועם ס'זאל נאר זיין, איז דא צוויי זאכן וואס זענען מעכב.

א} **ער דארף זיין אויסגעהאלטן און ריין פון "דיעות כוזבות"**, א משהו ח"ו פארכאפט ערגעץ אין עניני אמונות ודיעות, טאר מען אים שוין נישט הערן.

ב} **טאמער דער מגיד אדער משפיע האט אן אינטערעסע דיך אוועקצוטראגן פון דיין מסורה דורך זיין השפעה, איז דאס נישט דער רצון השם אים צו הערן**, ווייל יעדער איד האט א חיוב צו האלטן די מסורה וואו ער שטאמט, און צו מחשיב זיין די מסורה, עס איז א חלק פון אידישקייט, ווי פריער גערעדט, דער אויבערשטער האט דיך ארייגעשטעלט אין דיין מסורה, לויט דיין 'תיקון' און 'שורש נשמה', דארפסטו דאס האלטן.

אבער חוץ דעם, אז א איד איז דיך מקרב צום אויבערשטן, זייער גוט.

אבער מען דארף זיין זייער קלאר בהמשך וואס מען רעדט, אז רובם ממש פון די אלע מגידים, האט נישט קיין שום שייכות צום דרך החסידות, צום דרך פון אונזערע רבי'ס די תלמידי בעש"ט, ווי מען רעדט יעצט אז דער רבי איז א המשך צו צאנז, ראפשיץ, רבי ר' אלימלך, רובם פון די מגידים זענען גאר ווייט פונעם דרך החסידות, און זענען אינגאנצן אינעם דרך המוסר וכדו'. על אף ער רעדט א חסיד'ישע שפראך, חסיד'ישע תורות און מעשיות, ער איז מעתיק פון חסיד'ישע ספרים, אבער דאס גאנצע מאכן אן עסק פון יעדן פרט, אויפבויען יעדן פרט, מיט פרטי פרטים, צונעמען מידות אויף פרטי פרטים, ביז אויף למעשה, ביי אונזערע רבי'ס האט מען נישט גערעדט אויף דעם מהלך, און בדוקא נישט, מען האט נאר גערעדט "כללית'דיגע אידישקייט", און ווי פריער געשמועסט, דער רבי איז געווען גאר שטארק מיט דעם מהלך, און עס האט א סיבה, ווייל מען האט נישט געוואלט אז מ'זאל פארגעסן פונעם אויבערשטן, ס'זאל בלייבן אלעמאל די נקודה פון לשמה, און נאך אנדערע שטארקע סיבות ווי גערעדט,

אבער אוודאי, אויב האט מען א תועלת פון א שיעור, מען ווערט נענטער צום תכלית החיים, נענטער צום אייבירשטער, איז ווילאנג מען האלט אן די אייגענע מסורה און מען איז 'קלאר' אינעם דרך פון אונזערע רבי'ס, נאר צו האבן חיזוק אין עבודת ד' וויל מען הערן א געוויסע שיעור אדער לערנען א געוויסע ספר, איז דאס א גוטע זאך.

## די געוואלדיגע 'עשירות' פונעם רבי'נס דרך

עס איז דא נאך איין **גאר יסודות'דיגע נקודה** וואס מען דארף אויס שמועסן צו פארשטיין אביסל די גרויסע עשירות וואס ליגט אינעם רבי'נס דרך.

**דער יסוד היסודות פונעם בעש"ט ותלמידיו, איז דער ענין פון 'שפלות' און 'הכנעה', דאס הייסט אז א איד זאל אלעמאל וויסן ביי זיך, אז ער איז גארנישט, און ער האט נאכנישט אנגעפאנגען עפעס צו טון פארן אויבערשטן, און אלעמאל לעבן מיט אן הרגשה פון 'ביטול' פאר'ן אויבערשטן.**

דער יסוד ווערט איבער געחזר'ט אלס "דער" נקודה הכי כללי אין עבודת השם, אין אלע ספה"ק פון די תלמידי בעש"ט פונעם ערשטן דור, יעדער לויט זיין שפראך. אין 'תולדות' הייסט עס ענוה, אין 'דגל' בחינת אי"ן, אין פרי הארץ 'שפלות', אין ספרי בעל התניא הייסט עס 'ביטול', דער בעה"ת האט אוועק געשטעלט גאנץ תורת חב"ד אויף די עבודה פון ביטול, פארשידענע דרגות, ביטול בעצם, ביטול במציאות, ביטול היש, צד השוה פון אלע תלמידי בעל שם, אז דאס איז די עיקר יסוד אין עבודה פון א איד.

פארוואס איז דאס געווען דער יסוד ממש? די תשובה אויף דעם איז זייער קלאר, וויבאלד ווי פריער גערעדט איז דער דרך החסידות אלעמאל צו קוקן אויף די פנימיות און דער תכלית פון יעדע זאך, און וויבאלד דער גאנצער תכלית פון עבודת השם איז, אז א איד זאל ווערן נאנט צום אויבערשטן, און עס איז נישט דא א זאך וואס איז מעכב קירבת השם ווי דער ענין פון זיין ביי זיך א יש, א מציאות, "ווייל **ווילאנג דער מענטש איז ביי זיך א אייגענע מציאות איז ער זיך מיט דעם מפריד פונעם אויבערשטן**", ער טיילט זיך אפ פונעם אויבערשטן מיט דעם וואס ער שפירט זיך ווי א אייגענע מציאות, דאס איז פירוד, דער פארקערטע פון דביקות.

דער בעש"ט האט זייער מחבב געווען די פשוטי עם כידוע, ער פלעגט דאווענען שחרית גאר פרי כדי צו קענען דאווענען 'מיט' זיי, פארוואס? **ווייל די פשוטי עם זענען ביי זיך גארנישט**, ס'פאלט זיי נישט איין צו טראכטן אז זיי האבן עפעס א אייגענע מציאות, ביי חסידים האט מען געזאגט אז 'אדער' די פשוטי עם וואס פאלט זיי נישט איין אז זענען עפעס, 'אדער' די גאר גרויסע די בני עליה וואס זענען משיג זייער אפסיות מתוך השגה, אבער די וואס זענען אינצווישן דארפן רחמי שמים צו זוכה זיין צו א קירבת השם.

**דער רבי ז"ל האט גאר שטארק געארבעט מיט זיינע תלמידים, אריין צו ברענגען 'דעם' שפלות רוח, 'דעם' צובראכנקייט, און הרגשה אז מען האט נאכנישט אנגעפאנגען, ער האט אן א שיעור מאל געחזר'ט מיט אונז דעם געוואלדיגן שפלות הדור, און כסדר אריינגעברענגט אן השתוקקות 'ווען' וועט מען שוין זוכה זיין צו אן אמת'ע תנועה פאר'ן אויבערשטן, 'ווען' וועט מען שוין זוכה זיין צן זאגן אמת'ע דיבורים פארן אויבערשטן. אן הרגשה אז אלעמאל האלט מען פאר די התחלה.**

און דער רבי האט **'מורא'דיג מצליח געווען' דאס אריין צו ברענגען אין זיינע תלמידים, טיף טיף ביי יעדן פון זיינע תלמידים, און ביי די וואס לערנען זיינע תורות, האבן אלעמאל די הרגשה אז מען האלט נאך פאר די התחלה, מען דרייט זיך אלעמאל ארום מיט אן הרגשה 'ווען' וועט מען שוין זוכה זיין צו האבן א אמת'ע שייכות מיט עבודת השם, אט 'די' הרגשה, 'דער' צובראכנקייט, דאס איז 'שפיץ' חסידות, דאס איז דער יסוד היסודות, און דאס איז א חלק פון די געוואלדיגע 'עשירות' וואס דער רבי האט אין אונז אריינגעלייגט**, מען דארף נאר עומד זיין אויף דעם און דאס מחשיב זיין.

**<u>די מעלה פון ערליכע בעלי בתים, כ"ש בני תורה.</u>**

און וועגן דעם איז ידוע אז דער רבי ז"ל האט מחשיב געווען ערליכע בעלי בתים פארשטייט זיך אז נאר "ערליכע" בעה"ב דאס איז על דרך וואס דער בעש"ט האט מחבב געווען די פשוטי עם, ווייל ביי זיי ביי די בעה"ב איז דער נקודת הביטול און די הרגשה אז מען איז גארנישט גאר אויף א שטארקע בחינה, און ממילא מצד דעם בחינה זענען זיי מורא'דיג נאנט צום אויבערשטן.

דאס איז אויך די סיבה פארוואס **וואו עס איז נאר דא איינער וואס זאגט עפעס א גוט ווארט, ער פארקויפט עפעס אידישקייט, זעט מען דארט אלעמאל דעם רבי'נס מענטשן**, אסאך קוקן דאס אן ווי א שוואכקייט וואס איז דא ביי אונז, אבער באמת איז פונקט פארקערט! **דאס ווייזט אויף דעם גרעסטן רייכקייט**, ווייל די סיבה פארוואס מען זוכט אלעמאל צו הערן איז, דאס איז ווייל מען דרייט זיך כסדר ארום מיט א געוואלדיגן ביקוש פון זוכן עבודת ה', **מען שפירט קיינמאל נישט אז מען דארף נישט הערן, מען שפירט קיינמאל נישט אז מען איז גוט, אז מען איז מסודר**, וואס אזא הרגשה אז מען האלט שוין ביי עפעס, דאס איז געווען טריפה ביי חסידים, נאר מען איז אלעמאל מיט אן הרגשה אפשר וועט מען נאך אמאל זוכה זיין, הלואי.

נישט יעדער איז עומד אויף דעם, צו פארשטיין דער עומק פון דעם הרגשה, פון דעם צובראכנקייט, און מען קוקט דאס אן, דעם ביקוש, ווי א שוואכקייט וואס איז דא ביים ציבור, במקום וואס איז פונקט פארקערט. "דאס" ווייזט אויף דעם גרעסטן רייכקייט, די טייערסטע נקודה אין עבודת השם, די הרגשה פון ביטול, ביי פריער'דיגע חסידים האט מען געהארעוועט א גאנץ לעבן אנצוקומען צו האבן עפעס אן הרגשה פון ביטול פון שפלות, און ב"ה מיר האבן זוכה מיט'ן כח הצדיק, פונעם רבי'ן ז"ל, אז ער האט דאס אריינגעפלאנצט טיף טיף ביי יעדן וואס איז דבוק אין אים.

און דער יסוד איז אויך גאר שטארק דלא כדרך המוסר, וואס כאפט זיך היינט אריין ביי אונז, וואס דארט איז יא געווען דער שפראך אז עס איז דא אזא מושג פון השיגים אין עבודה, מען האלט שוין דא, מען האט שוין 'די' מדריגה אינגאנצן, און א אנדערע מדריגה במקצת, אא"וו, א גאנצע 'טשארט' מיט טשעקס וואס מען האט שוין אלס זוכה געווען, ביי חסידים האט מען דאס גאר שטארק שולל געווען.

און שורש הדברים איז דאס די קליפת הציונות פון כוחי ועוצם ידי, דאס הייסט אז כאילו דער מענטש קען אליינס און כאילו ער האט א אייגענע כח און מציאות ח"ו, וועגן דעם איז דאס מעכב די גאולה, ווייל דאס איז ממש דער היפך פון די תכלית הבריאה און די היפך פון די גאנצע גילוי הגאולה וואס דאס איז די 'הכרה' אז אין עוד מלבדו, און פון יכירו וידעו כל יושבי תבל אז עס איז נישט דא קיין שום כח און מציאות אויף דער וועלט חוץ פונעם אייבירשטען, און דאס איז געווען די גרויסע מלחמה וואס דער רבי האט לוחם געווען מיט דעם, צו צוברעכן דעם קליפה.

עס איז נאך דא אסאך צו רעדן פונעם רבי'נס דרך, בפרט ארום די מדת השמחה ביים רבי'ן, וואס איז אלעמאל געווען ארום דעם רבי'ן א מצב פון געהויבנקייט און שמחה, און דער שפיץ טאג פונעם יאר ביי רבי'ן איז געווען 'שמחת תורה'. דער טאג פון שמחה, דאס דארף מען עקסטער אפלערנען, אבער אין הזמן מספיק, ועוד חזון למועד בס"ד.

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זיך קענען האלטן אין דעם דרך עס איז דא א געוואלדיגער חידוש פונעם רבי'ן אין די דינער תורות, אז אזויוי ווען מען זאגט נאך א מימרא מפיו איז מען גורם אז שפתותיו דובבות בקבר, איז כל שכן ווען מען גייט בדרכו פונעם צדיק, איז מען גורם אז זיין שפע גייט ווייטער אויף דער וועלט, אזוי ווי בחיים חיותו.

מען זעהט קלאר אז מ'האלט שוין די לעצטע תקופה פאר ביאת המשיח, אז מ'האלט זיך צום רבי'נס דרך, וואס דער רבי איז געווען דער צדיק וואס האט צוגעגרייט כלל ישראל מיט אלע יסודות פאר דעם דור האחרון אין גלות, מיט דעם וועט מען זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.